# א יתומל לאכט

אַ יתומל לאַכט אין צעריסענע בגדים,
שרעקט זיך און לויפּט איבער גאַסן און געסלעך.

האָט עפּעס געגנבעט.
יאָגט מען אים נאָך.
ער טאַנצט דורך אַ פּאַרקאַן, קוקט זיך אַרום:
אַ שטאַל, אַ קאַלב. אַ קאַלב מיט צוויי אויגן;
זיי, דאַכט זיך, דערציילן: די קי איז נישטאָ,
די גרויסע ברוינע מאַמע נישטאָ.
אַ בודע. אַ הונט. אַ הונט מיט צוויי אויגן;
עס דאַכט זיך זיי שרייען! מען האָט אונדז געשלאָגן,
גאָט, מען האָט אונדז געשלאָגן!

ציטערט דער קליינער
און וויקלט און וויקלט דאָס בייטעלע אויף:
א שפּיגעלע - ברילן - א קופּערנע דיטקע.

פֿיו, או, או, או!
פֿלי-אי-אי-אי!

דאָס גנבל שפּילט זיך מיט דעם ווינט און די וואָלקן
און שענקט זיי מזומן:
א שפּיגעלע, ברילן, א קופּערנע דיטקע.

און לאַכט, לאַכט
שטייט און לאַכט.

פּאַקט מען אים דאָ.
און ער שפּרינגט דורכן פּאַרקאַן און לויפּט,
אַ יתום אין צעריסענע בגדים,
דורך דעם טאָג, דורך דער גאַס, דורך דער וועלט.

---

(״ רינגען״, 1921)